טאָג װעט איר בעטן אין מײַן נאָמען; און איך זאָג
אײַך נישט, אַז איך װעל בעטן דעם פֿאָטער פֿאַר
27 אײַערטװעגן; װאָרום דער פֿאָטער אַלײן האָט אײַך
ליב, װײַל איר האָט מיך ליב, און גלױבט, אַז
28 איך בין אַרױסגעקומען פֿון ג־ט. איך בין אַרױס
געקומען פֿון דעם פֿאָטער, און בין געקומען אין
דער װעלט אַרײַן; װידער פֿאַרלאָז איך די װעלט,
29 און גײ צו דעם פֿאָטער. זאָגן זײַנע תּלמידים: זע,
איצט רעדסטו אָפֿן, און זאָגסט נישט קײן משל.
30 איצט װײסן מיר, אַז דו װײסט אַלץ, און דאַרפֿסט
נישט, אַז עמיצער זאָל דיך פֿרעגן; דורך דעם
גלױבן מיר, אַז דו ביסט אַרױסגעקומען פֿון ג־ט.
31 האָט ישוע זײ געענטפֿערט: איצט גלױבט איר?
32 זע, עס קומט אַ שעה, און איז שױן אָנגעקומען, אַז איר
זאָלט צעשפּרײט װערן, יעדער אײנער צו די זײַניקע,
און מיך װעט איר איבערלאָזן אײנעם אַלײן; און
איך בין (דאָך) נישט אײנער אַלײן, װײַל דער
33 פֿאָטער איז מיט מיר. דאָס האָב איך גערעדט צו
אײַך, כּדי אין מיר זאָלט איר האָבן שלום. אין דער
װעלט האָט איר צרות; נאָר זײַט געטרײסט; איך
האָב מנצח געװען די װעלט.

## קאַפּיטל זיבעצן

17

1 דאָס האָט ישוע גערעדט; און אױפֿהײבנדיק
זײַנע אױגן צום הימל, האָט ער געזאָגט: פֿאָטער,
עס איז געקומען די שעה; פֿאַרהערלעך דײַן
2 זון, כּדי דער זון זאָל דיך פֿאַרהערלעכן; װי
דו האָסט אים געגעבן מאַכט איבער יעדן בשׂר
(ודם), כּדי ער זאָל געבן אײביק לעבן צו אַלעמען,
3 װאָס דו האָסט אים געגעבן. און דאָס איז דאָס